בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל



כל הזכיות שמורות

## רבת את ריבם

**"ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם"** - און יוסף האט געברענגט שלעכטע רייד וועגן זיי צו זייער פאטער (בראשית לז, ב) דאס איז די ערשטע זאך וואס מיר לערנען אין דער תורה וועגן יוסף הצדיק - אז ער פלעגט שטענדיג מוסר'ן זיינע ברידער.

מ'דארף פארשטיין אז די ברידער זענען געווען גוטע מענטשן אבער קיינער איז נישט קיין מושלם. יעדער בשר ודם טוט אדער זאגט אמאל עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן, און יוסף האט גארנישט פארקוקט. בעצם ווייס איך נישט אויב אלעס וואס יוסף האט געזאגט איז געווען ריכטיג. קען זיין אז ער האט געמאכט טעותים. אפשר האט אויסגעזען ווי זיי טוען עפעס וואס איז נישט אנגענומען און ער האט זיי צו שנעל חושד געווען. איך קען נישט וויסן אלע פינקטליכע פרטים, וואס מיר ווייסן יא איז אז ער האט זיך נישט גע'ישוב'ט פאר ער איז געלאפן אויסזאגן פאר זיין פאטער.

פרשת וישלח איז א מערקווירדיגע פרשה פון א יונגן מענטש וואס איז געווען א קנאי - א קנאי פאר דבר השם וואס האט נישט געקענט טאלערירן קיין שום אומאויסגעהאלטענע אויפפירונג. ווען אימער ער האט באמערקט אז זיינע ברידער טוען עפעס נישט ריכטיג האט ער נישט געזאגט "ס'איז נישט מיינע געשעפטן", נאר ער איז געווען א קנאי און דאס אויפגעמערקט פאר זיין טאטן.

א קנאי איז איינער וואס האט אזוי ליב דעם אויבערשטן אז ער קען נישט שווייגן ווען ער זעט אז איינער טוט עפעס קעגן רצון השם. דער מסילת ישרים (פרק יט) ווען ער רעדט דארט איבער דעם נושא פון אהבת השם, ברענגט ער אז איינע פון די וויכטיגסטע נקודות פאר דער עבודה איז צו זיין א קנאי.

ס'איז אזוי ווי א מענטש זאל הערן ווי מען רעדט נישט שיינע דיבורים קעגן זיין אייגענעם פאטער - א גרינגער וועג צו אויפרעגן א מענטש איז צו רעדן קעגן זיין טאטן, ווייל ער האט אזוי ליב זיין טאטע אז ער וועט נישט קענען פארטראגן איינעם וואס רעדט אדער טוט עפעס קעגן אים. ער וועט ווערן שטארק באליידיגט.

### ווער האט ריכטיג ליב דעם אויבערשטן?

**ווען** מיר רעדן היינט נאכט איז וויכטיג צו וויסן דעם באדייט פון "קנאי" וואס דער מסילת ישרים לערנט אונז.

דאס איז וואס די תורה זאגט אונז איבער יוסף הצדיק. ס'איז נישט פונקט וואס די קליינע קינדער פון חדר מיינען אז יוסף מסר'ט פשוט זיינע ברידער. ער איז געווען אן אוהב השם וואס וועט זיך אננעמען פארן אויבערשטן נישט קיין חילוק וואס.

אויב דו האסט ליב דעם אויבערשטן וועסטו נישט קענען סובל זיין איינעם וואס איז א פיינט פון אים. מ'קען נישט דערליידן דעם אפיקורס - דאס איז זיכער, און דו וועסט נישט קענען דערליידן מענטשן וועלכע טוען נישט ריכטיג קעגן השי"ת ווענען דו האסט דאס מערסטע ליב.

דעריבער, ווען מען חזר'ט די געשיכטע פון יוסף פארשטייט מען אז ס'איז נישט א סוגיא פון אן אומפארזיכטיג אינגעלע, נאר ס'איז א פרשה פון א יונגן מענטש וואס האט אזוי ליב געהאט השי"ת אז ער איז גרייט געווען איינצושטעלן זיין לעבן פאר'ן אמת. מיר פארשטייען אז יוסף'ס מחאות האט אים נישט געברענגט קיין שעצונג צווישן די ברידער. ער האט זיך אנגעברענגט אסאך צרות, ער האט גאנץ גוט פארשטאנען אז ער קען דא באקומען סכנה'דיגע רעזולטאטן. מיר זעען אז ער האט

שיעור נישט פארלירן זיין לעבן ווען די ברידער האבן געוואלט פטור ווערן פון אים. "ועתה לכו ונהרגהו ונשלכהו באחד הברות" - און אצינד, לאמיר אים הרג׳ענען און אים ארייננווארפן אין איינער פון די גריבער (לז, כ).

מיינט נישט אז די שבטים זענען נישט געווען רעכטפארטיגע לייט - זיי זענען געווען גוטע קינדער, אבער ווען זיי האבן געזען א יונגן מענטש - זייער אינגערן ברודער וואס טוט אזוי בולט איבערגעבן זייער שולד פאר׳ן טאטן האבן זיי אים פארערכנט פאר איינעם וואס זוכט זיי צו מאכן צרות - איינער וואס זוכט צו געווינען חן אין די אויגן פונעם טאטן אויף זייער חשבון. ווער ווייסט? אפשר וועט ער נאך אמאל חלומ׳ען אז ער איז דער בעל הבית איבער אונז?! ער איז מסוכן און מ׳דארף אים שוין אפשטעלן.

פונדעסטוועגן האט זיך יוסף נישט צוריקגעהאלטן נאר ווייטער געגאנגען ווי פריער, דבתם רעה אל אביהם, דאס מיינט א ריכטיגער קנאי.

## יוסף ווערט געגעבן אויטאריטעט

**ווען** יעקב אבינו האט געזען זיין זון נעמט זיך אן פאר׳ן אמת "וישראל אהב את יוסף מכל בניו" - און יעקב האט ליב געהאט דעם יוסף מער ווי אלע זיינע קינדער, "ועשה לו כתנת פסים" - און ער האט אים געמאכט א געשטרייפטע העמדל, צו ווייזן אז ער איז דער וואס האט אויטאריטעט איבער דער משפחה. דער אינגערער ברודער דארף באקומען די פריווילעגיע צו טראגן אן אנגעזעענעם מלבוש פון אויטאריטעט?! יא! אויב ער איז דער מענטש וואס וועט זיך אננעמען פאר כבוד שמים.

זאגט יעקב אז מען דארף זיך צוהערן צו זיינע ווערטער דערפאר וועל איך אים מאכן ארויסשטארצן צווישן די ברידער דורך דעם כתונת פסים, אזוי וועלן מענטשן וויסן אז זיינע ווערטער טראגן מיט זיך א געוויכט. ער איז דער מענטש וואס נעמט זיך אן פאר וואס ס׳איז ריכטיג, ער קריטיקירט יעדן אומרעכט, ער שטעלט זיך אויף פאר דבר השם. ער דארף זיין דער פירער.

ווען מ׳קוקט נאך יוסף׳ס לעבנס־געשיכטע זעט מען אז ס׳איז נישט נאר יעקב וואס האט אים געשעצט נאר אויך השי״ת. וואס האט דער אויבערשטער געזאגט ווען ער האט געזען אז יוסף איז מוחה פאר׳ן דבר השם? איך בין נישט דארט געווען אבער כ׳קען זיך פארשטעלן וואס ער האט געזאגט, "אויב דו ביסט דער מענטש וואס וועט זיך אננעמען פאר מיר וועל איך דיך מאכן א פירער איבער מיינע מענטשן. די צייט וועט קומען ווען יעדער וועט מורא האבן פון דיר, וועסט קענען זאגן וואס דו ווילסט אומגעשטערט!"

## דער אויבערשטער הייבט אויף דעם מוכיח

**די** הנהגה פון הקדוש ברוך הוא אין דער וועלט איז, אז קנאים וועלכע נעמען זיך אן פאר׳ן אויבערשטן און זיין תורה ווערן דערהויבן צו גרויסקייט, דאס איז וואס די גמרא זאגט, "כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעים" - יעדער מענטש וואס האט יראת שמים ווערן זיינע רייד געהערט (ברכות ו:).

די קנאים פון אמת זענען די מענטשן צו וועמען די וועלט דארף זיך צוהערן, דערפאר וועט זיי השי״ת דערהויבן, זיי צו געבן שטארקייט אז זיי זאלן האבן אן השפעה אויף אנדערע. "כל אדם שיש עליו חן בידוע שהוא ירא שמים", ווען א מענטש פארכט השי״ת לייגט ארויף דער אויבערשטער א חן אויף זיינע ווערטער אז די מענטשן זאלן עס אנעמען (סוכה מח:).

יעצט פארשטייסטו שוין וואס יוסף׳ס חלומות האבן געמיינט "ותשתחוין לאלמתי", ווען יוסף האט געזאגט "איך האב געזען אין מיין חלום ווי ענקערע בינטלעך בוקן זיך צו מיין בינטל" איז דאס געווען א רמז מן השמים אז איין טאג וועט ער זיין דער פירער. דאס איז וואס הקדוש ברוך הוא האט געוואלט, אז די ברידער זאלן זיך בוקן צו אים און ארויפקוקן צו אים ווי א פירער.

## דער קעניגליכער באפעל

**ווען** די שבטים זענען אנגעקומען קיין מצרים. וואס האבן זיי געזען? זיי האבן געטראפן א דעקרעט פונעם קעניגליכן באפעל פון פרעה וואס איז געהאנגען איבער אלע גאסן: "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו בכל ארץ מצרים" - אין דעם לאנד קען קיינער נישט אויפהייבן זיין האנט אדער פוס אן רשות פון יוסף (בראשית מא, מד). ווען די ברידער האבן געזען דאס האבן זיי זיך דערשראקן, ס׳איז מער נישט אונזער קליינער ברודער יאסעלע... ס׳איז יוסף דער משנה למלך - דער צפנת פענח. זיי האבן געוואוסט אז ער איז נישט דער טיפ מענטש וואס וועט סובל זיין סיי וועלכע עוולה; זיי האבן שוין געהאט עקספיריענס מיט אים!

דאס האט ער דערגרייכט נאר ווייל ויבא את דבתם רעה אל אביהם, ער האט נישט געשוויגן ווען ער האט געזען אן אומרעכט. די קומענדיגע וואך ווען דו וועסט לייענען אז פרעה האט אויסגעטון זיין רינגל און עס אנגעטון אויף יוסף׳ס פינגער זאלסטו געדענקען אז ס׳איז נאר ווייל הקדוש ברוך הוא האט געזען אז יוסף איז איינער וואס נעמט זיך אן פאר׳ן אמת.

וואס האט יוסף געטון מיט דעם כח וואס ער האט באקומען? ער איז געווארן דער ערשטער און מעכטיגסטער קעניג וואס האט אמאל געקעניגט איבער די אידן. ס׳איז נישט געווען נאך א מלך וואס האט אזוי לאנג געקעניגט ווי יוסף - ער איז געווארן קעניג פאר כמעט אכציג יאר, גאנץ כלל ישראל איז געווען אין מצרים, "וירבו ויעצמו במאד מאד", עס זענען שוין געווען

מיליאנען אידן און אלע האבן פאלגזאם אויסגעהערט נאר איין מענטש - יוסף הצדיק. זיי האבן אזוי געציטערט פאר אים אז יעדע קלענסטע זאך האבן זיי געטון וואס יוסף האט גזאגט, אזוי לאנג ווי ער האט געלעבט.

די לאנגע יארן אונטער יוסף׳ס וואכזאם אויג האט אויסגעלערנט די מענטשן צו מדקדק זיין אין קוצו של יוד, ווייל זיי האבן געוואוסט אז יוסף וועט נישט פארשווייגן. יוסף פלעגט שטענדיג זאגן, ״את האלקים אני ירא״ דעם אויבערשטן האב איך מורא, מער פון אלעס וואס איך האב מורא אויף דער וועלט איז פון השי״ת.

## די חשמונאים

**מיר** גייען ווייטער אין אונזער געשיכטע און מיר טרעפן נאך איינער וואס איז געווארן דערהויבן, ער מיט זיינע קינדער זענען גרויס געווארן צוליב זייערע מחאות פארן אויבערשטנ׳ס נאמען. יעדער ווייסט אז די מעשה פון חנוכה איז צושטאנד געקומען נאר צוליב די קנאות פון מתתיהו. וואס איז געשען? אין דעם דאָרף פון מדין האבן די גריכן געבויט א מזבח פאר זייערע געטשקעס, אויף וואס זיי האבן געוואלט ברענגען קרבנות פאר זייערע עבודה זרות. זיי האבן צאמגערופן אלע אידן און געצוואונגען צו בייוואוינען דעם ספעקטאקל. יעדער האט מורא געהאט פאר זייער לעבן זענען זיי געקומען און זיך געהאלטן שטיל. אוודאי זענען זיי געווען אויפגעברויזט. א געטשקע אין א אידישן דארף?! זיי האבן געברענגט פאר כעס - אבער זיי האבן גארנישט געטון, זיי האבן מורא געהאט צו עפענען זייער מויל.

די גריכן זענען נאכנישט געווען צופרידן אז אלע אידן זענען זיך צאמגעקומען, זיי האבן געוואלט אז א איד זאל ארויסקומען און שחט׳ן א קרבן פאר דער עבודה זרה ר״ל. דער גריכישער אפיציר האט אויסגערופן, ״ווער פון ענק וויל קומען שחט׳ן א קרבן פאר דער געטשקע?״ די אידן האבן זיך נישט גערירט. כאטש זיי האבן גוט געציטערט איז קיינער נישט ארויסגעקומען.

פלוצלונג איז איין איד אפירגעקומען, א רשע און ער האט גע׳שחט׳ן דעם קרבן. ווען מתתיהו האט דאס געזען האט ער נישט געקענט שטיין גלייכגילטיג, דאס פייער פון קנאות האט זיך אנגעצונדן אין אים, זיין אהבת השם האט געברענט. ער האט ארויסגעכאפט זיין שווערד וואס ער האט די גאנצע צייט באהאלטן אונטער זיין מאנטל און אריינגעשטאכן אין הארץ פונעם מומר. דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט צום גריכישן אפיציר אויסרופנדיג הויך, ״מיר זענען אין א רעוואלט״.

## מתתיהו ווערט דערהויבן

**מ׳דארף** פארשטיין אז אין יענער צייט איז נישט געווען ווי היינט וואס אויב דו רעדסט קעגן דעם פרעזידענט ביסטו א העלד. דו דארפסט נישט זיין א קנאי צו רעדן קעגן דעם פרעזידענט, יעדער געמיינער ליבערעטאר טוט דאס. אבער אין יענע צייטן האט אן אויפשטאנד קעגן דעם קעניג געמיינט אוועקגעבן דאס לעבן.

מתתיהו האט געמוזט אנטלויפן מיט זיין משפחה. ער האט זיך באהאלטן צווישן די בערג. זיין גאנץ לעבן איז ער געווען באהאלטן און נאר ארויסגעקומען מלחמה צו האלטן מיט די גריכן, זיך אנעמען פאר׳ן דבר השם. אויף דעם אופן איז ער נפטר געווארן, באהאלטנדיג זיך אין די וועלדער, וואוינענדיג אין די מערות. מתתיהו איז געשטארבן פאר הקדוש ברוך הוא און ס׳איז נאר צוליב זיין מידה פון קנאות וואס עם ישראל פייערט דעם יום טוב חנוכה.

השי״ת האט אים און זיין משפחה גרויס געמאכט אויף שטענדיג, אלס א לימוד פאר עם ישראל. אונז צו לערנען וואס ער וויל פון אונז אז מיר זאלן וויסן אז ס׳איז די קנאים וואס טרעפן חן אין די אויגן פון השי״ת.

## ווי אזוי ווערט מען פלוצלונג א מוכיח

**ס׳לוינט** זיך צו חזר׳ן די מידה פון קנאות וואס דאס ווערט צומאל שלעכט אפגעטייטשט. מיר האבן געברענגט פונעם מסילת ישרים אז קנאות איז א צווייג פון דער מצוה פון דער תורה פון אהבת השם, א מצוה וואס איז שייך פאר יעדן, מענער, פרויען און קינדער. דאס מיינט אז יעדער דארף לערנען ווי אזוי צו זיין א קנאי, דערפאר לוינט אונז אוועקצוגעבן אביסל צייט צו געוואויר ווערן וואס ס׳מיינט ליב צו האבן דעם אויבערשטן אזוי שטארק אז ער ווערט א קנאי.

אין דער תפילה פון על הניסים זאגן מיר צו השי״ת די פאלגנדע ווערטער: ווען אונזערע אור־עלטערן האבן מלחמה געהאלטן מיט די יונים, רבת את ריבם - האסטו געקריגט זייער קריג, דנת את דינם - דו האסט דן געווען זייער דין. דאס מיינט אז מיר דאנקען השי״ת פארן זיך אננעמען פאר זיי און צוברענגען זייער זיג.

ס׳איז דא א קשיא, פאקטיש איז נישט געווען דא א קריג פון עם ישראל. די אידן האבן נישט מלחמה געהאלטן פאר זיך. דו מיינסט אז איינער וואלט ווען שלעכטס געטון פאר מתתיהו אויב ער וואלט נישט געמיינט דעם אויבערשטן. ער מיט די חשמונאים וואלטן געקענט אויסלעבן א גליקליך לעבן אויב זיי וואלטן זיך געהאלטן שטיל. אויב זיי וואלטן אויפגעגעבן די תורה וואלט זיי קיינער נישט געטשעפעט. די גריכן זענען נישט געווען אינטערסירט צו הרג׳ענען די אידן, זיי האבן נאר געוואלט אז זיי זאלן אויפהערן צו היטן די תורה, דאס אלעס. די יונים האבן בלויז מלחמה געהאלטן קעגן השי״ת און זיין תורה.

פארוואס האבן די חשמונאים געדארפט פארברענגען יארן לאנג אין באהעלטעניש? צו ראטעווען זייער לעבן? ניין, בכלל נישט. זיי האבן זיך געקריגט צו האלטן "דיין" תורה - השי"ת. דערפאר איז נישט געווען רבת את ריבם, נאר רבת את ריבך. דו השי"ת האסט געקריגט "דיין" קריג.

## ווענענס תורה איז עס?

**מיר** זאגן אין אנהייב תהילים, "אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" - וואויל איז דעם מענטש וואס גייט נישט אין דער עצה פון רשעים, "כי אם בתורת השם חפצו" - נאר אינעם אויבערשטנ'ס תורה איז זיין באגער, "ובתורתו יהגה יומם ולילה" - און אין זיין תורה לערנט ער באטאג און ביינאכט. קודם זאגט מען תורת השם - דעם אויבערשטנ'ס תורה, און דערנאך זאגט מען תורתו - זיין אייגענע תורה.

די גמרא (עבודה זרה יח.) זאגט: ווען דו לערנסט תורה איז עס קודם תורת השם. אוודאי אז דו ביסט א פרומער איד ווערסטו חזר'ן דעם אויבערשטנ'ס ווערטער און זיי היטן, אבער ס'איז נאכאלץ תורת השם - דו ביסט געגוג גוט צו היטן זיין תורה.

וואס געשעט נאך א קורצער צייט? ס'ווערט תורתו. וואס מיינט דיין אייגענע תורה? ווי מער דו טראכסט פון די תורה'דיגע השקפות אלץ מער ווערסטו ווערן איינגעזאפט מיט דער תורה, השי"ת'ס תורה, אז ס'וועט שוין ווערן דיין משנה - דיין תורה.

## מאכן זיין רצון דיינער

**אין** פרקי אבות (ב, ד) לערנען מיר: עשה רצונך כרצונך - טו זיין ווילן ווי עס וואלט געווען דיין אייגענער ווילן, דאס מיינט וואס דער אויבערשטער וויל איז וואס דו זאלסט ווילן.

יעדער וועט צושטימען, זיכער, זיכער, איך נעם עס אן. וואס איז אזוי גרויס דערפון? דער ענטפער איז: ס'איז זייער גרויס, אויב קענסט דערגרייכן א מדריגה אז וואס השי"ת וויל איז וואס דו ווילסט, דעמאלטס ביסטו שוין א וויכטיגע פערזענליכקייט. דאס זאגט ישעיהו הנביא (נו, ד), "ובחרו באשר חפצתי" - און זיי קלויבן אויס אין מיין באגער, ס'שטייט נישט זיי וועלן טון וואס איך באגער. ס'שטייט זיי וועלן בוחר זיין מיין באגער, נאר ווייל איך - השי"ת - באגער, דאס איז עס שוין זייער באגער.

די חשמונאים האבן נישט בלויז זיך געקריגט פאר דער תורה. ס'איז געווען תורתו, דעם אויבערשטנ'ס רצון איז געווארן זייערס. דערפאר האט השי"ת געזאגט אז ער וועט זיי געבן א וואונדערליכן זיג - רבים ביד מעטים, א קליינע צאל מענטשן וואס זענען בכלל נישט גוט באפאנצערט און נישט גוט טרענירט האבן געוואונען א מעכטיגע ארמיי.

## נעמען אחריות

**די** גמרא (עירובין ג.) זאגט, "קדרא דבי שתפי לא חמימא ולא קרירא" - א טאפ פון שותפים איז נישט הייס און נישט קאלט. ס'איז אייביג ווארעם ווייל יעדער צד זאגט, "לאז דעם אנדערן דאס טון". דאס מיינט אז יעדע זאך וואס האט א שותפות וועט נישט מצליח זיין. יעדער שותף פארלאזט זיך אויפ'ן אנדערן. אבער ווען א מענטש איז דער איינציגער בעל הבית מאכט ער זיכער אז ס'איז שטענדיג קאכעדיג הייס ווייל ס'ווערט זיין אחריות.

ווען א מענטש ווערט א קנאי פאר'ן דבר השם איז עס נישט א בי שתפי, ער ווארפט נישט אראפ זיין אחריות אויף אנדערע ווייל ס'איז זיין אייגענס. דו קריגסט זיך פאר "דיין" תורה. ס'ווערט דיין פריוואטער ביזנעס.

ווען דו האסט שוין דיין אייגענער ביזנעס ביסטו אן ערליכע איד. אזוי ווי יוסף הצדיק האט געשפירט אז ס'איז "זיין" פריוואטער ביזנעס ווען ער האט געזען עפעס נישט ריכטיג. און אזוי ווי מתתיהו וואס האט געזען דעם מומר עובר זיין אויף עבודה זרה. ס'איז געווען זיין אחריות - ס'איז געווען זיין קריג!

## פראקטיצירן קנאות

**וואס** דאס מיינט פאר אונז איז צו האבן א "גרויס" מויל, דו מוזט זיך אנרופן. אפילו דו ווערסט נישט זיין אזוי פאפולער - מענטשן גלייכן נישט די וואס מאכן א טראסק אבער קענסט זיכער זיין אז השי"ת האט דאס יא ליב. דער אויבערשטער האט ליב די קנאים ווייל זיי האבן אים ליב.

די ריכטיגע חכמים וועלן שטענדיג ארויסרעדן. איך בין אמאל געווען אנוועזנד ביי אן אסיפה ווען רבי יעקב קאמענעצקי ז"ל האט גערעדט קעגן דעם בר־אילן אוניווערזיטעט. כאטש ער האט געוואוסט אז צווישן דעם ציבור זענען דא שטארקע שטיצערס פאר דעם פלאן, האט ער זיך נישט צוריקגעהאלטן פון רעדן. איין רייכער מענטש האט געהאט די חופצה אפצואווענדן דעם גדול אבער רב יעקב האט זיך נישט אונטערגעגעבן.

רבי אהרן קאטלער ז"ל האט זיך איינגעקויפט א צאל פיינט ווייל ער האט אפן גערעדט. דער סאטמארער רבי ז"ל האט אויך געהאט גענוג פיינט ווייל ער האט זיך אנגענומען פאר הקדוש ברוך הוא. אויסצושרייען דעם אמת פארלאנגט נישט נאר איבערצייגונג נאר אויך קוראזש. עס זענען דא אסאך מענטשן וואס האלטן פון א געוויסן פרינציפּ אבער זיי ווילן זיך נישט ארויסשטעלן. זיי האבן נישט די מדריגה פון אהבת השם זיך צו קריגן פאר זייער השקפות. כ'פארשטיי, צומאל קען עס זיין היבש אומבאקוועם, נישט יעדער איז אין דער גיסטע זיך ארויסצושטעלן צו דער פובליק, אבער די אוהבי השם טוען דאס.

## בום בום בום

**ס'איז** דא נאך איין וויכטיגע נקודה וואס מיר דארפן ארומרעדן, אויב נישט קענסטו פארפאסן דעם גאנצן לימוד. וואס איז דער ציל פון קנאות? איז דאס צו אראפקנאקן דעם פיינט? ניין! דער תכלית איז אז דבר השם זאל אויפגעשטעלט ווערן.

שטעל דיר פאר אז דו קענסט איינעמען דיין שונא דורך משפיע זיין אויף אים אז ער זאל ווערן א פרומער איד, נעם צום ביישפיל רעפארמער ראבייס, זיי זענען אונזערע שונאים; ער אדער זי גלייבן נישט אינעם אויבערשטן און זיין תורה. זיי גלייבן נאר אין שלעכטס.

וועסטו וועלן דריקן א קנעפל און זיי אלע אויסשיסן. ס'זעט אויס ווי די בעסטע זאך וואס מ'קען נאר טון. מאך טויזנטער אויפרייסן און ס'וועט נישט בלייבן קיין זכר פון זיי.

וואס איז א בעסערער וועג צו זיין א קנאי? אפשר קענסטו האבן אן השפעה אויף מענטשן? קענסט קויפן ספרים און דאס אפשיקן אויף פאסט צו זיי. זיי זענען זייער אומוויסנד. אסאך פון זיי זענען קיינמאל נישט געקומען אין קאנטאקט מיט תורה'דיגע השקפות. ס'דא גענוג זאכן געשריבן אין ענגליש וואס קען זיי מעגליך טוישן צום גוטן. ס'וועט דיר קאסטן געלט אבער וועסט אויפטון אז זיי זאלן ארייננקוקן אין דעם. קענסט זיי שיקן אידישע לייען־מאטריאל וואס קען ווירקן אויף זיי.

א איד פון אונזער קהילה האט געקויפט א הויפן פון ערליכע קינדערישע לייען־מאטריאל און דאס אויסגעטיילט פאר אונזער געגענט. וואס קאסט עס שוין? און ס'טוט אויף גרויסע זאכן. אפשר איז גרינגער צו דריקן א קנעפל און אראפקלאפן אלע שלעכטע מענטשן אבער נישט דאס איז וואס קנאות מיינט.

אויב דו וואלסט געשפירט אז ס'איז "דיין" תורה וואס דו נעמסט זיך אן וואלסטו אסאך געקענט אויפטון. פארוואס זאלסטו נישט אדאפטירן אן אפארטמענט בנין? נעם איין בנין אין דיין געגענט אלס דיין פליכט. ווער געוואויר ווער ס'וואוינט דארט - קענסט ארייניגיין אין בנין שרייב אויף יעדנ'ס נאמען ביז דער רוימער ווארפט דיך ארויס. געב אים אפאר דאלער און ער וועט דיר אפלאזן פאר נאך א שעה. דערנאך שיק זיי בריוו, שיינע בלעטער צו ליינען. איך האב עס אמאל געטון פאר א בנין. אויב ס'איז צופיל געלט הייב אן מיט ווייניגער.

א ריכטיגער קנאי וועט צעשפרייטן אידישקייט אויף דער וועלט. איך האב אמאל געזען א פרומער איד מיט א לאנגער בארד - א גרויסער תלמיד חכם, אויסטיילן צעטלעך אויפ'ן גאס. אויף די צעטלעך איז געשטאנען, "הקדוש ברוך הוא וועט דיר העלפן אויב דו ווילסט זיין אן ערליכער איד!" אין אנדערע בלעטער איז געשטאנען ווי אזוי דו קענסט זען דעם אויבערשטן אין דער נאטור ארום דיר. ער האט געזאגט פאר מענטשן פארוואס מען זאל זיין א מאמין. ער האט נישט געהאקט אויף מענטשן. נאר ער האט גערעדט צו אומוויסנדע מענטשן וועגן הקדוש ברוך הוא.

ס'דא אן א שיעור וועגן ווי אזוי צו זיין א קנאי. דרוק צעטלעך: "הערטס אויף צו איינקויפן אום שבת". טייל עס אויס יעדן מיטוואך. מיר האבן עס געטון אין איסט־פלעטבוש איידער מיר האבן אריבערגעציגן די שול דא. מיר האבן אויסגעטיילט צענדליגער טויזנטער צעטלעך וואס האט זיך גערעדט פון הקדוש ברוך הוא און שמירת שבת. ארויס נאר פאר להדפסה מיר האבן עס גערופן: "The Traditional Observance Organization - די טראדיציאנעלע אפהיטונג ארגאניזאציע". מיר האבן געהאט א גרויסע פראפאגאנדע וואס איז ארויסגעקומען פון אונזער קליינער שול.

טייל אויס צעטלעך מיטן אויפשריפט: "שיק דיין קינד צו ישיבה אנשטאט פובליק סקולז!" קיינער וועט דיר נישט אפווארפן, זיי וועלן דיר ניטאמאל פארשעמען. כ'האב אמאל נאכגעקוקט א איד אויסטיילן צעטלעך נעבן דער סאבוועי - רוב מענטשן האבן אים איגנארירט אבער אויב איינער איז געווען גענוג אנשטענדיג און גענומען א צעטל איז ער אים נאכגעגאנגען און ארייינגערעדט אין אים. דער מענטש האט בלית ברירה אים אויסגעהערט איבער'ן אקסל. צומאל קען זיך מאכן א גוטער קאסטומער וואס איז וויליג צו הערן.

## געווינען דעם שונא

**דער** פשט פון קנאות וואס מיר לערנען דא איז צו געווינען די מלחמה פאר השי"ת. דער גרעסטער זיג וואס דו קענסט האבן איז געווינען דעם שונא אויף דיין זייט. אנשטאט אים צו "פאנטשן" אין דער נאז און אים אומוואדפן אין חלשות זאג אים עטליכע גוטע ווערטער און דו וועסט אים געווינען אויף דיין זייט. דו ביסט א זיגער! ס'שטייט (משלי כה, כא-כב), "אם רעב שנאך" - אויב דיין שונא איז הונגעריג, "האכלהו לחם" - שפייז אים מיט ברויט, "ואם צמא" - אויב ער איז דארשטיג, "השקהו מים" - געב אים וואסער. איז דאס דער וועג צו האנדלען מיט א שונא?! אים צו געבן ברויט און וואסער? דער פסוק זאגט יא! "כי גחלים אתה חתה על ראשו" - ווייל קוילן שיסטו אויף זיין קאפ.

דו הערסט דאס? דאס איז אן אויסגעצייכנטע זאך צו טון, אויב דו קענסט שיסן ברענעדיגע קוילן אויף די קעפ פון די שונאים איז גוט, מיר האבן גענוג שונאים צו נעמען שוועבלער פון קוילן און לייגן אויף זייערע קעפ. ס'וואלט געווען א גרויסער תענוג.

אבער מיט'ן איד איז דא בעסערע וועגן. דו קענסט שיסן הייסע קוילן דורך זיך אומגיין שיין מיט זיי, און אזוי משפיע זיין אויף זיי. אויב דו קענסט זיי געווינען וועט דאס זיין דיין גרעסטע הצלה. די ריכטיגע הצלחה פון א קנאי איז ווען דו קענסט מאכן דיין שונא פאר אן אוהב השם און אן אוהב התורה.

יעדער ווייסט די מעשה פונעם גרויסן קנאי, פנחס. גלייבטס מיר, אויב פנחס וואלט ווען געקענט צוגיין צו זמרי זאגן: "זמרי מיין קינד, וואס טוסטו מיט דיר, גיי אהיים און לאז דיך אפ פון דער שיקסע", און זמרי וואלט אויסגעהערט וואלט דאס געווען די בעסטע זאך. פנחס האט אבער געוואוסט אז זמרי איז שוין פארקאכט, דער איינציגסטער וועג צו האנדלען מיט אים איז געווען דורך אריינשטעכן א מעסער אין אים. צומאל איז דאס דער איינציגסטער אויסוועג.

איך וועל אייך מגלה סוד זיין, אהרן הכהן איז געווען א גרעסערער קנאי. אפילו ער האט קיינמאל נישט גע'הרג'עט מענטשן. ער איז געווען אן אוהב שלום. ער האט געררעדט וועגן שלום צו יעדן. ער איז געווען אן "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" - א ליבהאבער פון מענטשן און זיי דערנעטערט צו תורה. ער איז געווען א ריכטיגער קנאי.

## יוסף הצדיק און מתתיהו

**מיר** פארשטייען אז צו זיין א קנאי מיינט נישט זיין אויפגערעגט און אומברענגען די שונאים - דער ציל איז אז דער דבר השם זאל איינעמען די וועלט. און אויב דו קענסט מצליח זיין דורך מיטלען אז די דבר השם זאל באזיגן דעמאלטס איז א סימן אז דו ביסט א ריכטיגער קנאי.

קנאות איז א מיטל אנצוקומען צו גרויסקייט, אזוי האבן יוסף הצדיק און מתתיהו דערגרייכט צו זייער גדולה. און איבער אלעם זענען זיי אנגעקומען צו זיין גרויס אין די אויגן פונעם אויבערשטן.

קנאות וואס קומט פון ליבשאפט צו השי"ת איז א שלימות'דיגער כאראקטער. צומאל זענען מענטשן קנאים נישט ווייל זיי האבן ליב השי"ת נאר פאר זייערע אייגענע אינטערעסן - אבער ווען א מענטש נעמט זיך אן פאר'ן באשעפער'ס נאמען, און ס'דא גענוג וועגן ווי אזוי ער קען עס אויספירן, דאן האט ער זיך איינגעקויפט גרויסקייט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

## שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

### זאל א מענטש קויפן מתנות פאר זיינע קינדער לכבוד חנוכה?

### תשובה:

**עס** שאדט נישט, אבער מען דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ווערן פארמישט מיט דעם גייסט פון די חגאות אין די צייט פון יאר. עס זאל נישט ווערן געטון צוליב דעם אלגעמיינעם אטמאספער אין גאס, ווייל זיי טוען יעצט אזוי. מען דארף זיך אפהיטן פון נאכגעשלעפט ווערן דערפון.

דערפאר איז א בעסערע עצה צו געבן קעש. חנוכה געלט איז א גוט באקאנטער מנהג, דערפאר, אויב איר קענט, געבט ענדערש געלט. איך זאג נישט אז מען טאר נישט געבן מתנות; עס איז גארנישט שלעכט צו געבן מתנות. נאר מאכט זיכער, כאטש ביי אייך אין געדאנק, אז איר זענט גענצליך אפגעשיידט פון טראכטן איבער דעם סעזאן.

חנוכה איז נישט דער סעזאן פון געבן מתנות, ניין, ניין. עס איז נישט דער מתנות סעזאן, ניין. איר קענט געבן מתנות סיי ווען. איר קענט געבן מתנות אויך לכבוד שבועות, און פורים און פסח. און אויב איר ווילט געבן מתנות אויך חנוכה, וועל איך אייך נישט זאגן נישט צו געבן. אבער אויב איר וועט מאכן א גרויסן טראסק איבער דעם און עס מאכן אלס אן אידיאל, אז חנוכה איז די צייט צו געבן מתנות, דאן זאלט איר אפשר אויך זינגען די חגאות לידער און אויפשטעלן א חנוכה בוים, ווייל דאס איז דער באדייט פון דעם.